היות מיר טוען יעצט צוריק מחדש זיין דעם באַרימטן "ביי מיר האָט דאָס פּאַסירט" קאָלום, בעטן מיר דעם חשוב'ן ציבור זאָל אונז אַרויסהעלפן מיט'ן אַריינשיקן סיי וועלכן עפּיזאָד וואָס איר קלערט אַז ס'קען זיין אינטערעסאַנט פאַר דעם קאָלום, בפרט עפּעס וואָס האָט אין זיך א גוטן מוסר השכל אָדער השגחה פּרטית אד"ג. וזכות הרבים תלוי בכם.
**איבערצוגעבן עפּיזאָדן און קאָמענטאַרן ביטע רופט: 845-783-0735**

# המתפלל בעד חבירו הוא נענה תחילה

*לכבוד המערכת שיחי'*

***איך וויל איבערגעבן א מורא'דיגע השגחה פרטית געשיכטע וואס האט זיך אפגעשפילט ממש אין די לעצטע טעג און וואכן, ווען מיר האבן מיטגעלעבט עין בעין אויף אן אפענעם אופן השגחה פרטית, און ווי אזוי אז ווען עס קומט צו די נושא פון שידוכים זעט מען שטויינענדע התגלות, אפענע זאכן וואס איז א חידוש אינעם היינטיגן דור פון הסתרת פנים.***

*הערט א מעשה שהיה:*

די פאלגנדע מעשה האלטן מיר אצינד מיט 'רויטהאנטיג', ווען אין א קורצע צייט אפשניט פון א וואך צייט האט פאסירט די אומגלויבליכע געשיכטע וועלכע רעדט פון זיך אליינס. מיר געבן איבער דאס ווארט פאר'ן בעל המעשה, הרה"ח ר' חמ"ה הי"ו מחסידי ק"ק תולדות אהרן בירושלים עיה"ק, וועלכער פארציילט די גענויע מעשה מיט אלע אירע פרטים, ליינט און שטוינט.

***

די מעשה הייבט זיך אן מיט א שטיק צייט צוריק, ווען איך האב אנגעהויבן שפירן אז איך מוז טון עפעס אן ערנסטע השתדלות צו קענען זוכה זיין א שידוך צו טון מיט מיין חשוב'ן זון ני"ו, ער איז טאקע 'נאר' 21 יאר, אבער כ'האב געזען אז זאכן רוקן זיך נישט נאטירליך, און ווי עס זעט זיך אויס ווארט מען פון הימל אז איך זאל זיך מער נעמען אין די האנט אריין, און איך מוז נעמען מער מענטשליכע שריט אויף למעשה.

נאכן זיך באראטן מיט ערליכע אידן, גדולי ומנהיגי ישראל, און נעמען זייער ברכה, האב איך באשלאסן אז איך הייב מיך אויף און איך פאר צום גרויסן ניו יארק - וואס פונקטליך איך וועל דארט טון, האב איך נישט געוואוסט און קוים געפלאנט, אזויפיל האב איך געוואוסט, איך דארף טרעפן סיי וועלכע מהלך צו טון די מינימאלע 'השתדלות' אז מיין זון זאל טרעפן זיין באשערטע.

מיר האבן געגעבן צדקה, און נישט ווייניג תפילות מתפלל געווען אזוי ווי אליעזר עבד אברהם בשעתו "היה נא מצליח דרכי", איך האב זיך ארויסגעלאזט אויף די גרויסע וועלט, אן די מינדעסטע ידיעה, און אן קיין שום חשבון "מאין יבא עזרי", עברו בקודש, איך האב נישט געהאט קיין שום חשבון אויף גארנישט בשעת ווען איך בין געקומען צו פארן קיין אמעריקע.

אנקומענדיג קיין ניו יארק האט מיר גענומען אפאר טעג געוואויר צו ווערן אז ניו יארק שטעלט נישט צו קיין 'השתדלות סטעישאן...' איך האב גערעדט צו עסקנים, שדכנים, איך האב ב"ה היבש גוטע פריינד אין אמעריקע וואס הערנדיג די סיבה פארוואס איך בין געקומען צו פארן האבן זיי מיך געוואלט העלפן, אבער איך האב באלד געזען אז עס איז נישטא קיין 'דרך סלולה', ווי אזוי צו נעמען א מהלך וואס דאס זאל מיך פירן צו א שידוך.

איך פון מיין זייט האב ווייטער געזוכט און גענישטערט וואס איך קען טון, און נאך א שטיק צייט דא זיין האב איך געמאכט קשרים מיט עטליכע גרעסערע שדכנים, וואס האבן גרעסערע רשימות, זיי קענען אויך שווערערע קעיסעס, זו"ר וזו"ש, און האבן א ברייטערע קאלעקציע פון אינפארמאציע, און כ'האב זיי געבעטן אז זיי זאלן מיר העלפן טרעפן א שידוך פאר מיין זון שיחי'.

ערעגעצוואו איז מיר אויסגעקומען צו הערן פונעם "וועד השדכנים" פון מתיבתא גבוה 'עסק התורה' ד'סאטמאר וועלכע איז א צוזאמשטעל פון עטליכע געניטע שדכנים וועלכע זיצן און ארבעטן אויף די ליסטע פון די תלמידי הישיבה ארויסצוהעלפן מיט עניני שידוכים.

איך האב זיך פארבונדן מיט די ראשי הוועד און איך האב באקומען פון זיי שטארקע הילף, זיי האבן מיר שטארק ארויסגעהאלפן זיך צו פארבינדן מיט נאך אנדערע גרויסע שדכנים וועלכע האבן אנגעהויבן פרובירן נאך פארשידענע געדאנקען וואס קען מעגליך גיין פאר מיין זון.

נאכן זיך מער אינטערעסירן איבער די פעולות כבירות פונעם 'וועד' האב איך אנגעהויבן קלערן אז אפשר איז די השתדלות וואס איך דארף טון פאר די שידוך פון מיין זון, אז איך זאל אים אריינשטעלן אינעם ליסטע פונעם 'וועד השדכנים', וואס טראץ וואס דער 'וועד' איז אוועקגעשטעלט דירעקט אויף די תלמידים פון דעם ישיבה איז אבער פאראהאן די מעגליכקייט אריינצולייגן א בחור פאר א גרעסערע סומע געלט.

אבער נאכן עס אויסשמועסן מיט די 'ראשי המפעל' איז אויסגעקומען אז איך וועל נישט צופיל פארדינען דערפון, ווייל די שדכני הוועד זענען אלע פון אמעריקע, און ווי נישט ווי זענען זיי געווידמעט אויף אינגאנצן אן אנדערע דירעקציע.

מיט בערך צוויי וואכן צוריק איז מיר בייגעפאלן א אינטערעסאנטע געדאנק:

איך האב א חבר אין ארץ ישראל וועלכער ווארט שוין אויך עטליכע יאר פאר א שידוך פאר זיין זון, וואס דער בחור איז געפארן לערנען אין אמעריקע, און ער איז יא מער צו די ליניע און

קרייז וואו די בחורים פון די אויבנדערמאנטע ישיבה זענען, אשר על כן האב איך באשלאסן אז די איינציגסטע עכטע השתדלות וואס איך קען אצינד טון איז זיין בבחינת "המתפלל בעד חבירו", אז איך וועל צוזאמשטעלן די נויטיגע סומע געלט פארן וועד השדכנים אז איך זאל קענען אריינשטעלן מיין חבר'ס זון אין זייער "שדכנות ביכל", אזוי ארום אז דאס זאל זיין א זכות פאר מיין משפחה אז איך זאל בקרוב געהאלפן ווערן מיט א גוטן שידוך פאר מיין זון.

איך האב מיר תיכף ווידעראמאל פארבינדן מיט די ראשי הוועד און געפרעגט צי איך קען טון אזאנס, זיי האבן מיר אנטפאנגען בסבר פנים יפות און זיכער געמאכט אז מיין חבר'ס זון ווערט אריינגעשטעלט אינעם איבערגעמאכטן 'שדכנות ביכל'.

ביז דא איז דער ערשטער טייל פון מיין געשיכטע.

***

אצינד הערט וואס האט פאסירט, איך וועל אייך דערציילן א מעשה, וואס האט פאסירט אין די לעצטע טעג, עס זעט אויס ווי א פיקטיווע מעשה, ממש ווי פון די ביכער! ס'גלייבט זיך נאכאלס נישט ווי שנעל ס'איז געלאפן.

מיט א קנאפע וואך שפעטער - דעם פארגאנגענעם מיטוואך במדבר - באקום איך א טעלעפאן רוף פון ארץ ישראל, מ'בעט מיר פון שטוב איך זאל זאפארט אהיימקומען.

וואס איז?

די לעצטע טאג צוויי האט זיך א שידוך אנגעהויבן רוקן, ס'זעט אויס ווי ס'קומט שוין לידי גמר:

"נעם די קומענדיגע פליגער אהיים, מ'גייט ברעכן טעלער!"

פארשטייט זיך אז איך פאר'ן אהיימפארן האב איך צוריקגערופן די ראשי וועד השדכנים און איינגעמאלדן די פרייליכע מציאות וואו מ'האלט יעצט, ווייל איך האב נישט קיין שום ספק אז דאס איז נאר געקומען בזכות פונעם נדבה וואס איך האב מיר אונטערגענומען לטובת מיין חבר, און איך האב זיי געזאגט אז די רגע די שידוך קומט לידי גמר וועל איך זיי איינמעלדן.

שטייענדיג יעצט מאנטאג פרשת נשא א' אין די נאכמיטאג שטונדן דא אין ארץ ישראל, קען איך ב"ה מעלדן אין פריידן אז מ'האט נארוואס געטרינקען 'לחיים', דאס אומגלויבליכע האט פאקטיש פאסירט! מיין זון איז א חתן געווארן בשעה טובה ומוצלחת צו די טאכטער פון הרה"ח ר' ... הי"ו, א ירושלימ'ער איד פון די שענסטע היימישע קהילות קדושות, א הערליכער שידוך, 'עמי בבית', מ'האט ניטאמאל געדארפט אנקומען צו די טובות פון יהדות ארה"ב...

ברוך ה' שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!

"...מיט א קנאפע וואך שפעטער באקום איך א טעלעפאן רוף, א שידוך הייבט ענדליך אן קאכן, נעם די נעקסטע פליגער און קום אהיים!..."

איך האב נישט קיין ספק אז דאס קומט אין דירעקטן זכות פון דעם געוואלדיגן זאך וואס איך האב נארוואס געטון, צו טון לטובתו פון א צווייטן איד, דער רבש"ע האט מיר נישט געלאזט מיט קיין צווייפל מיט די ווערטער פון חז"ל (ב"ק צב.) "כל המבקש רחמים על חבירו הוא נענה תחילה", כ'האב עס ממש געזען בחוש מיט מיינע פליישיגע אויגן!

***

איך שרייב די שורות מיט אינערליכע געפילן פון שבח והודאה פארן רבש"ע, אבער איך פארגעס נישט קיין איין רגע אז די שלוחים פון הימל זענען געווען דער "וועד השדכנים".

יעצט ווען מיר דארפן זיך אראפזעצן מאכן טעלעפאן קאלס צו שאפן געלט פאר'ן 'וועד השדכנים', איז די מעשה ממש ווי א ווינק פון הימל פאר מיר און דיר און יעדעם באזונדער, אז דו וועסט אריינלייגן דיין ענערגיע צו העלפן א צווייטע איד, צו שאפן געלט פאר'ן וועד פשוט ווייל דו ווילסט אז דיינע חברים זאלן געהאלפן ווערן מיט שידוכים, טוסטו מיט דעם דאס בעסטע פאר דיר אליינס! דאס אז א איד גייט און ער טוט סיי וואספארא פעולה ארויסצוהעלפן א צווייטן האט אין הימל א מורא'דיגע חשיבות, עד כדי כך אז מ'זאל ממש זען ישועות למעלה מדרך הטבע.

מיר אלע קוקן ארויס אויף זכותים, יעדער איינער האט זיין פעקל, און יעדער דארף א ישועה אין זיינע ענינים, איינער ווארט אויף א שידוך, איינער ווארט אויף קינדער, און איינער פארשטייט פשוט אז די לעבן איז נישט קיין שפיל און כדי נישט אריינצופאלן אין פראבלעמען דארף מען האלטן און איין מתפלל זיין און מעורר זיין רחמי שמים. וואו איז נאך דא אזא מורא'דיגע סגולה ווי דאס אז מ'זאל קענען ווערן א שותף אין די געוואלדיגע ענין פון ברענגען שידוכים ביי אידישע קינדער?! דאס איז עפעס א גאלדענע געלעגנהייט! אז מיר קענען יעצט צוזאמשטעלן א שיינע סומע געלט וועלכע וועט פאקטיש אויפהאלטן דעם וועד השדכנים פאר די קומענדיגע יאר צייט עפנט זיך פאר אונז אלע טויערן! די שערי שמים זענען אפן פאר אלעם! לאמיר אויסנוצן די צייט און מעורר זיין רחמי שמים דורך אט דעם הייליגן זכות.

איך שרייב אונטער מיינע ווערטער מיט רגשי שבח והודאה להשי"ת על כל הטוב והחסד אשר גמלנו און פאר זיינע געטרייע שלוחים בעולם הזה, וואס זענען עוסק אין די הייליגע עבודה"ק, ויה"ר שישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם.

***חמ"ה בזוהרה***

***- פה עיה"ק ירושלים תובב"א***